

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

מכינה ב'

הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו

# שאלות איף פרשת וארא

**א. וועלכע סדרה גייט די וואך ?** וארא.

**ב. וואס איז טייטש וארא ?** און איך האב זיך באוויזן.

**ג. ווער האט זיך באוויזן ?** דער אייבישטער.

**ד. צו ווענען ?** צו אונזערע עלטערן אברהם, יצחק, און יעקב.

**ה. און וואס האט דער אייבישטער זיי געזאגט ?** אז ער וועט געבן ארץ ישראל פאר זיינע קינדער.

**ו. פאר ווענען פארציילט עס דער אייבישטער ?** פאר משה רבינו.

**ז. וואס האט דער אייבישטער געהייסן פאר משה ?** אז ער זאל גיין צו פרעה און זאגן פאר פרעה אז ער זאל ארויס שיקן די אידן פון מצרים.

**ח. מיט ווענען זאל משה רבינו גיין ?** מיט זיין ברידער אהרן.

**ט. פרעה האט געוואלט ארויס שיקן די אידן ?** ניין.

**י. וואס האט דער אייבישטער געשיקט פאר פרעה ?** צען מכות.

**יא. וואס איז געווען די ערשטע מכה ?** דם, בלוט.

**יב. וואס איז געווען די צווייטע מכה ?** צפרדע, פרעש.

**יג. וואס איז געווען די דריטע מכה ?** כינים לייז.

**יד. וואס האבן די כינים געמאכט ?** אז די מצריים האבן זיך געקראצט אַ גאנצע צייט.

**טו. וואס איז געווען די פערדע מכה ?** ערוב, אַ פארמישונג פון ווילדע חיות.



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

**בס"ד**

**מכינה ב׳**

**הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו**

# שאלות אויף פרשת וארא

**טז. וואס איז געווען ביי די מכה פון ערוב ?** אין מצרים איז געקומען פיל מיט ווילדע חיות לייבן שלענג א.א.וו. און וועמען פון די מצריים זיי האבן געטראפן און די גאס האבן זיי געביסן.

**יז. וואס איז געווען די פיפטע מכה ?** דבר, אַ מארד.

**יח. וואס איז דאס אַ מארד ?** אלע בהמות פון מצרים זענען געשטארבן.

**יט. וואס איז געווען די זעקסטע מכה ?** שחין, בלוטעלעך.

**כ. וואס איז געווען די זיבעטע מכה ?** ברד, האגל.

**כא. נאך די מכות האט שוין פרעה געוואלט ארויס שיקן די אידן ?** ניין ! וועגען דעם האט דער אייבישטער איהם געשיקט נאך מכות.

**כב. פאר די אידן איז אויך געווען מכות ?** ניין ! נאר פאר די מצרים.

*בברכת אַ גוט שבת און פיל נחת פון די קינדער*

**המלמדים**




# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק


בס"ד

מכינה ב׳

הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו

# בנוסף צו די שאלות האבן מיר אויך פארציילט:

## **וארא אל האבות...**

דער אייבישטער זאגט פאר משה רבינו אז איך האב זיך באוויזן צו די הייליגע אבות און איך האב זיי צוגעזאגט אז איך וועל געבן פאר זייערע קינדער ארץ ישראל.

## **ויצום אל בני ישראל ואל פרעה מלך מצרים...**

דער אייבישטער האט געזאגט פאר משה מיט אהרן זאלן גיין זאגן פאר פרעה זאל ארויס שיקן די אידן פון מצרים, משה מיט אהרן זענען געגאנגען צו פרעה, פרעה שרייט "ניין ניין, די אידן פון מצרים וועלן נישט ארויס גיין" יעצט הייבט זיך אן די צעהן מכות.

## **דם - בלוט**

די ערשטע מכה איז געווען בלוט, דער אייבישטער האט געזאגט פאר אהרן זאל נעמען די שטעקן און אויסשפרייטן די האנט אויפן וואסער, דאס האט נישט געטארט מאכן משה רבינו ווייל די וואסער האט איהם אכטונג געגעבן ווען ער איז געווען ביי די קאסטן, דער אייבישטער האט באשטראפט די טייך ווייל ביי די טייך האט מען אריין געווארפן די קליינע באבעלעך, אהרן האט אזוי געטוהן און אלע וואסער פון מצרים איז געווארן בלוט, די מצריים האבן נישט געהאט וואס צו טרינקען, זיי גייען צו די טייך נילוס און ס'איז געווען אינגאנצן בלוט, די פיש פון די טייך איז געשטארבן, ביי די ברינען וואסער איז אויך אלעס געווען בלוט, אבער ווען א איד האט גענומען וואסער איז עס יא געווען פיינע וואסער, אפילו אויב א מצרי גוי האט געטרינקען אין איין גלאז מיט א איד איז געווען פאר'ן איד וואסער און פאר'ן גוי בלוט, די מצריים האבן זיך נישט געקענט אפוואשן, נאר טאמער די גוים האבן געצאלט אסאך געלט פאר די אידן האבן זיי געקענט טרינקען וואסער, אבער פרעה שיקט נאך אלץ נישט ארויס די אידן פון מצרים.



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

### מכינה ב׳

הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו




# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק


בס"ד

**מכינה ב'**


**הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו**


## צפרדע - פרעש

די צווייטע מכה איז געווען צפרדע, אהרן האט אויסגעשטרעקט די האנט אויף די וואסער פון מצרים, און ס'איז ארויס געקומען א גרויסע פרעש, די מצריים גויים האבן עס געשלאגן, און ווי מער מ'האט עס געשלאגן איז ארויס געקומען מער און מער פרעש, די פרעש האבן זיך צושפרייט אין גאנץ מצרים אפילו מ'האט צוגעמאכט די טיהרן מיט די פענסטערס זענען זיי אריין געקראכן אין די שטובער, אין אלע שאפעס, אין די עסן, אין די הייסע אויוועגס, ס'האט זיך צוגעקלעבט צו די טייג, און אין די בעטן מ'האט נישט געקענט שלאפן ווייל ס'האט געמאכט קולות, און אויב א מצרי גוי האט געהארגעט איין פרעש איז ארויס געקומען פון דעם נאך אנדערע מער פרעש, אבער פאר די אידן איז נישט געווען די אלע פרעש, פרעה רופט שנעל משה רבינו און אהרן און ער בעט זיי זאלן אוועק נעמען די פרעש און איך שיק שוין ארויס די אידן פון מצרים, דער אייבישטער האט טאקע אוועק גענומען די פרעש, אבער פרעה שרייט ווייטער "ניין ניין, די אידן פון מצרים וועלן נישט ארויס גיין".

## כינים - לייז

די דריטע מכה איז כינים - לייז דער אייבישטער האט געזאגט פאר משה רבינו זאל זאגן פאר אהרן זאל קלאפן אויף די ערד און אהרן האט אזוי געטוהן און ס'איז געווארן כינים - לייז אין גאנץ ארץ מצרים, די מצריים האבן זיך אנגעפאנגען צו קראצן, זיי האבן שוין זיך נישט געקענט קראצן האבן זיי זיך געקראצט ביי די וואנט, און אויך די בהמות האבן געהאט די מכה, פאר די אידן איז נישט געווען די כינים, אבער פרעה שיקט נאך אלץ נישט ארויס די אידן פון מצרים.

## ערוב - א פארמישונג פון חיות

דער אייבישטער האט געהייסן פאר משה רבינו, ער זאל זאגן פאר פרעה אז אויב ער שיקט נישט ארויס די אידן פון מצרים וועט דער אייבישטער שיקן פיל מיט חיות, פרעה שיקט נישט ארויס, דער אייבישטער האט געשיקט קיין מצרים אלע סארט חיות, די מצריים האבן צוגעמאכט זייערע טיהרן פון די שטובער, אבער דער אייבישטער האט געשיקט סארטן חיות זיי זאלן צוברעכן די טיהרן די דאך און זיי האבן אריין געשטעקט די האנט און ארויס געשלעפט אלע גוים פון די שטובער, אפילו אויב ס'איז געגאנגען שפאצירן א גוי מיט א איד צוזאמען האבן די חיות נאר פארציקט די גוים און נישט די אידן, פרעה האט שנעל גערופן משה מיט אהרן און ער האט זיי געזאגט גייטס ארויס שנעל פון מצרים און נעמטס אוועק די מכה די אלע



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

**מכינה ב'**

הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו

שרעקעדיגע חיות, אבער נאך ווען דער אייבישטער האט אוועק גענומען די אלע חיות האט פרעה נאך אלץ נישט געוואלט ארויס שיקן די אידן און ער האט געשריגן "ניין ניין, די אידן פון מצרים וועלן נישט ארויס גיין".

## דבר - א מארד

די אלע בהמות פון די מצריים זענען געשטארבן, נאר די בהמות וואס זענען געווען ביי די פעלדער, אדער די בהמות פון די אידן זענען געבליבן לעבן.

## שחין - בלוטעלעך

דער אייבישטער האט געזאגט פאר משה מיט אהרן זאלן נעמען א הויפן זאמט אוןווארפן אויפן הימל אנטקעגן פרעה, זיי האבן אזוי געטוהן און ס'איז געווארן בלוטעלעך אויף די מענטשן און אויף די בהמות, די בהמות וואס זענען נישט געשטארבן ביי די מכה פון דבר זענען יעצט געשטראפט געווארן מיט די מכה, די אלע מצריים האבן זיך אזוי שטארק געקראצט אז זייער פלייש איז געווארן פארשימלט און זיי האבן זיך געשעמט צו שטיין פאר משה, אבער פאר די אידן איז גארנישט געווען, און אפילו אז פרעה אליין האט געהאט די אלע בלוטעלעך אויף זיין גאנצע גוף האט ער נאכנישט געוואלט ארויס שיקן די אידן פון מצרים.

## ברד - האגל

דער אייבישטער האט געהייסן פאר משה רבינו ער זאל אויסשטרעקן זיין האנט אויפן הימל, און משה רבינו האט אזוי געטוהן, און ס'איז געווארן האגל אין גאנץ מצרים, אין מצרים האט קיינמאל נישט גערעגנט און ס'איז קיינמאל נישט געווען דארט דונערן און בליצן, און יעצט וועגן די מכה האט דער אייבישטער געמאכט אז ס'איז געווען פייער צוזאמען מיט וואסער, די אלע מצריים האבן קודם געכאפט די האגל אויפן קאפ און זיי זענען געשטארבן פון די קעלט, און נאכדעם זענען זיי פארברענט געווארן פון די פייער, און אויך זייערע בהמות, און אזוי האט זיך צובראכן אלע זייערעביימער, אבער פאר די אידן איז גארנישט געשען.

פרעה רופט משה רבינו און אהרן אז זיי זאלן בעטן פון דער אייבישטער זאל אויפהערן צו שיקן די האגל, משה רבינו איז ארויס פון די שטאט ווייל די גאנצע שטאט איז געווען פיל מיט געטשקעס און משה רבינו האט נישט געוואלט דאווענען וואו ס'איז דא געטשקעס, משה רבינו האט געבעטן פאר די אייבישטער זאל אוועק נעמען די מכה, אבער פרעה וויל נאכנישט ארויס שיקן די אידן פון מצרים.